דוד-הירש ראָסקעס/ ניו-יאָרק

# מגידישע מאַסקעס פֿון מאַרקוזע ביז מענדעלע

ליבע ברידער און האַרציקע פֿריינד. איך בעט אייך זייער איר זאָלט מוחל זיין במעלות פֿבֿודכם און זאָלט לייענען מיין הקדמה, און זאָלט גוט אַכטונג געבן אויף איר איי איר ווערט ווערט פֿון מיין ספֿר נוצן האָבן. עס איז מיר באַקאַנט דער עולם הערט און דערציילט ליבער חסרונות אַלס מעלות טובֿות איינער אויף דעם אַנדערן. ווייל מיר זיינען גאַנץ ווייט אַוועקגעגאַנגען פֿון דעם קשר (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ). איך מיין אייך עולם אַ טובֿה צו טאָן ווען איך וועל אייך א גאַנצע הקדמה פֿול מיט חסרונות שרייבן. איינער/וועט לייענען און וועט דערציילן פֿאַר צען. די צען וואָס געהערט האָבן וועלן ווידער דערציילן פֿאַר הונדערט. די הונדערט פֿאַר טויזנט אַנדערע. דענק איך די ליידיקגייער א פרנסה צו געבן. איבערן קאָפּ/ זיי וועלן האָבן וואָס צו רעדן און צו דערציילן!

אַזוי הייבט זיך אָן דער ערשטלינג פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, משה מאַרקוזעס ספֿר רפֿואות הנקרא עזר ישׂראל במדינת פולין אַרויסגעגעבן אין פּאָריצק 1790. און נאָך איידער מיר ווייסן אין וואָס עס האַנדלט זיך, דערקענען מיר שוין דעם מחבר דורך זיין נאַראַטיווע שטים. דאָס רעדט ניט נאָר אַ גרויסער לץ נאָר אויך אַ גרויסער מומחה, אַ ספּעציאַליסט אין יידישן אויפֿפֿיר, אין מוסר-זאַכן און שפּעטער ערשט דערוויסט מען זיך -- אין מעדיצין. עס רעדט א בעל-דרשן, אַ מגיד וואָס קען זיך אויסגעצייכנט אויף זיינע יידעלעך. כדי איבערצוגעבן די קליינשטעטלדיקע השׂגות פֿון זיינע פּאָטענציעלע לייענערס, ווי זיי לעבן אין אַ פֿאַרמאַכטער וועלט פֿון פּילפּול, ווי זיי שטעלן זיך קעגן יעדער נייקייט, ברענגט מאַרקוזע אָן אויסגעטראַכטן דיאַלאָג. פונקטנווייז לאָזט ער אונדז הערן וואָס זיי וועלן האָבן אויס-

צוזעצן קעגן בוך:

די דריטע חבֿרותה וועט אײנער זאָגן:

--איך האָב געלײענט אין זײַן ספֿרל, ער שרײַבט עפּעס פֿון גערשטן, פֿון קאַלט וואַסער, פֿון שליאַז. עפּעס ער הײסט נעמען פֿון די דינעס, פֿון קערביסן, פֿון אוגערקעס די קערלעך/אונד נאָך מער זאַכן ווי ער אַלץ ווײסט דאָרטן. אונד הײסט האָניק מיט וואַסער קאַלטערהײט טרינקען. פּאָזאַסלע באָזשע [אַז אָך און ווײ], וואָס איך האָב אויסגעגעבן פֿיר-פֿינף גילדן פֿאַר דעם ספֿר! איך האָב געמײנט עס שטײט עפּעס רעכטעס אין ספֿר. אָט איך וועל אײַך פֿאַרקויפֿן פֿאר די העלפֿט וואָס ער מיך קאָסט/ווען איר זיך דאָ פֿאַר אים אָננעמט.

האָט איר שוין די דריטע חבֿרותה מענטשן וואָס פּסקענען אָפּ חכמת עשׂבֿים.

דאָ זעט מען ווי דער מגידישער מחבר ווײסט ווי אײַנצוטײלן ~~מענטשן און פּראָבלעמען~~ לויט קאַטעגאָריעס, גרופּעס, פּיתות. ~~גאַנצע~~ לאַנגע רשימות, ווי מיר וועלן באַלד הערן, ~~זײַנען~~ זײַנען אײנער פֿון זײַנע באַליבטסטע סטיליסטישע מיטלען. פּונקט ווי א מגיד שטעלט ער רעטאָרישע פֿראַגעס און פֿאַרענטפֿערט זײ אַלײן. ער שיט מיט פּסוקים, ווערטלעך, מעשׂיות און משלים. צו מאָל רעדט ער אינטים, רעדנדיק זיך אראָפּ פֿון האַרצן, און צו מאָל שטרענג און סאַטיריש. ~~הכלל, מיר האָבן שוין דעם אָנזאָג אויף מענדעלע מוכר-ספֿרים.~~

אָט ווי מאַרקוזע פֿאַרענטפֿערט נאָך א קלאָץ-קשיא וואָס אײנע פֿון די אַ"ג חבֿרותות וועלן אים פֿירוואַרפֿן:

---

ווי בלײַבט אָבער מיט זײער פֿראַג וואָס גאַנצע חבֿרותות וועלן פֿרעגן: פֿאר וואָס האָב איך מײַן ספֿר געשריבן אויף פּויליש-טײַטש און ניט אויף לשון קודש? איך ווײס עס וועלן זיך זײער ווײניק געפֿינדן וואָס מיך פֿאַרענטפֿערן וועלן קענען. בין איך גענײט אַלײן מיך צו פֿאַרענטפֿערן.

איך זאָג איך האָב געמוזט שרײַבן אויף טײַטש װאָרעם איך װיל מיט מײַן ספֿר מציל זײַן כּמה אלפֿים מענטשן אַלע יאָר פֿון זעלבע בעלי-הסרונות. למשל, פֿון אַלטע װײַבער, פֿון שלעכטע באָבעס, פֿון עין-הרע-אָפּשפּרעכערס, פֿון בײזע איבערגאַנג, פֿאַר גוטע לופֿט פֿאַר שלעכטע אײַנגעטרעטענע זאַכן; פֿון בעלי-שמות, עמי-הארצים, און פֿאַר גרויסע רשעים; פֿון װאַקסגיסערס, פֿון טרעפֿערס װאָס טרעפֿן אַלע קראַנקײטן; פֿון שלעכטע בעלי-דרשנים װאָס פֿירן סגולות צו פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ גוטע װעטשערע, פֿאַר אַ קלײנע נדבֿה װעגן; און פֿאַר די דאָקטערלעך װאָס זיך אַלײן אָדער אַלטע נאַרישע װײַבער האָבן זײ געמאַכט פֿאַר דאָקטערס. זאָגט מיר ליבער עולם -- די אַלע קענען זײ לשון קודש? געװיס ניט! אַפֿילו פּויליש-טײַטש קענען זײ אויך ניט! לאָז זיך אײנער װעלן אײַנזען אין אַ שפּיגל װעט ער זען דעם שפּיגל איבערדעקן. װי װעט ער זיך קענען שפּיגלען? ער װעט זיך געװיס ניט קענען זען. און מײַן כּװנה איז די אַלע נאַרן זאָלן זיך אין מײַן ספֿר אַרײַנזען און זאָלן זען װאָס פֿאַר א פּנים זײ האָבן.

ניטאָ קײן מער אָנגענומענער אימאַזש אין דער גאַנצער ייִדישער מוסר-ליטעראַטור װי דער אימאַזש פֿונעם שפּיגל. אײנער פֿון די קלאַסישע מוסר-ספֿרים הײסט טאַקע בראַנטשפּיגל. דאָ װערט עס אָבער אַ פּאָלעמישער מיטל. די אַלע דאָקטערלעך, בעלי-שמות, אַלטע באַבעס און עין-הרע-אָפּשפּרעכערס זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען, בעזגראַמאָטנע, פֿאַרדאָרבן און פֿאַלש אַז זײ װעלן גאָרניט װאַגן אַרײַנצוקוקן אין שפּיגל פֿון דער אמתדיקײט! דערפֿאַר אָבער װעט דער ליבער עולם יאָ קענען אַרײַנקוקן אין ספֿר און װעט אַזוי ארום דערקענען דעם אונטערשײד צװישן גוטס און שלעכטס, אמתע און באַבסקע רפֿואות.

דאָס װאָס דער מחבר מוז זיך פֿאַרענטפֿערן למאַי ער שרײַבט אין ייִדיש איז אַ טעמע פֿאַר זיך. לויט װי ער דערקלערט שפּעטער איז ייִדיש בײַ אים אַן אויסגעלערנטע שפּראַך װײַל ער איז גאָר פֿון קעניגסבורג און ניט פֿון פּוילן. ער איז בכלל א מענטש װאָס איז זיך מקריב

לטובֿת זײַן פֿאָלק, ווי ער באַטאָנט צום סוף פֿון דער צווייטער הקדמה אומקערנדיק זיך צום לייטמאָטיוו ואהבֿת לרעך כּמוך:

...און בין זעלבער, ברוך־השם, שוין זעכצן יאָר אין פּוילן דאָקטער. געוויס האָב איך כּמה אלפֿים קראַנקע געזען. אַלזאָ בין איך דען עולם מיט מײַן הלכה מעשׂיות, מיט מײַנע און מיט אַנדערע הלכה מעשׂיות מזכּה...און מײַנע געדאַנקען זײַנען געווען דעם עולם אין פּוילן, הן בעירות והן בכּפֿרים, די נור פּויליש־טײַטש קענען לייענען, און זיי וועלן זען זיך מרגיל צו זײַן לא פּחות בכל שבֿוע ושבֿוע אין מײַן ספֿר צו לייענען. האָף איך צו אונדזער בורא עולם, דאָס כּמה אלפֿים נפֿשות וועלן אי״ה ניצל ווערן ממיתה בלא עתּם ובֿלא זמנם. והשומע לעֲצָתי יבֿוא עליהם ברכּת טובֿ מהאֵל הטובֿ ומרן דבשמיא יהא בסעדיהון.

הייסט עס, אַז דאָס בוך האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿאָלקשרײַבער וואָס איז זיך מקריבֿ לטובֿת הכּלל און אַז דאָס איז ניט סתּם אַ בוך אויף צום לייענען, נאָר טאַקע אַ ספֿר, אויף אַרײַנצולערנען אין אים פֿון וואָך צו וואָך, און דורך דעם וועלן טויזנטער ייִדן זיך פֿאַרהיטן פֿון בייז און גאָט וועט זיי דערפֿאַר בענטשן.

פֿון איין זײַט ברענגט מאַרקוזע דאָ צונויף די אַלטע ליטעראַרישע טראַדיציעס פֿונעם רפֿואות־בוך און פֿונעם מוסר־ספֿר. ווערליק דעם סטיל און דער סטרוקטור פֿון די ביידע הקדמות וואָס זענען פֿול מיט מעשׂיות, משלים, דיגרעסיעס און דיאַלאָגן, געבונדן דורכן לייטמאָטיוו פֿון ואהבֿת לרעך כּמוך, האָט ער אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנטע דרשה וואָס פֿאַרווײַלט דעם לייענער און שטראָפֿט אים אין איינער און דער זעלבער צײַט. פּקעגן־זשע, איז מאַרקוזעס ספֿר רפֿואות כּולו אַנשטעל און דערמיט/געהערט ער בלי־שום־ספֿק צום אָנהייב פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

משה בן מרדכי מאַרקוזע, ווי מיר ווייסן איצט פֿון שמערוקס פֿאָרשונג [8], איז גאָרניט געווען קיין קעניגסבורגער יעקע וואָס האָט זיך קאַליע גע־געמאַכט זיין ריינעם לשון במשך די 16 יאָר, ווי ער שרייבט ווייטער אינעם בוך, נאָר א סלאָנימער ייד און געוועזענער ישיבה־בחור וואָס האָט טאַקע געענדיקט אויף מעדיצין אין קעניגסבורג איידער ער האָט זיך אום־געקערט אַהיים. צי דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך אויף אַן אמת געשעמט מיט יידיש, צי דערפֿאַר ווייל ער האָט געוווּסט דעם כּלל פֿון „אין נביא בעירו," אַז יידן וועלן זיך גיכער צוהערן צו אַ פֿרעמדן דאָקטער, בפֿרט איינעם וואָס האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלערנט יידיש, איידער צו א היימישן תּושבֿ, האָט מאַרקוזע פֿאַרשטעלט זיין אמתן אַפּשטאַם. צווייטנס לאָזט זיך אויס אַז דאָס גאַנצע בוך איז געבויט ניט אַזוי אויף אייגענער 16־יאָריקער פּראַקטיק אין פּוילן ווי אויף אַ פּאָפּולער מעדיצינישע האַנטביכל אויף פֿראַנצייזיש. וועגן דעם א"אַנד קולטור־היסטאָרישע אַספּעקטן פֿונעם ספֿר רפֿואות קען דער לייענער געפֿינען אויסשעפּיקע ידיעות אין שמערוקס אַרבעט.

דאָ וויל איך אָבער דערגיין די סיבה פֿאַר וואָס מאַרקוזע האָט זיך באַניצט מיט אַ מגידישער מאַסקע, און כּדי צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע דאַרף מען פֿאַרשטיין דעם מהות פֿונעם מגידישן מוסר־סטיל בפֿרט און דאָס אָרט פֿון דער מוסר־ליטעראַטור אין דער יידישער קולטור־געשיכטע בכלל. אויפֿן סמך פֿון דן און פּיעקאַזשעס פֿאָרשונג לאָזט זיך מאַכן פֿיר אַלגעמיינע באַמערקונגען:

א. אַז די מוסר־ און דרש־ליטעראַטור איז דער טיפּישסטער אויסדרוק פֿון יידישן מיטלטער וואָס ציט זיך, פּירוש, פֿון 10טן -- 18טן י"ה.

ב. אַז די ליטעראַטור איז אויסערגעווינטלעך קאָנסערוואַטיוו הן וואָס שייך פֿאָרעם, הן וואָס שייך תּוכן. זי איז געבויט אויף פּירושים, ניט אויף חידושים.

ג. ווי באַלד דאָס וואָס שטייט אין דער תורה שבכתב און דער תורה שבעל-פה איז דער מקור און די מאָס פֿון פֿרומקייט און אמת, שפּילט די היסטאָרישע וואָר גאָר אַ קנאַפּע ראָלע אין דער דרש- און מוסר-ליטעראַטור. איר ציל איז צו דינען פֿאַר אַלע צײַטן.

ד. פֿון דעסטוועגן איז די מוסר- און דרש-ליטעראַטור געוואָרן דער צינור וואָס דורך אים האָבן זיך פֿאַרשפּרייט די הויפּט-טענדענצן פֿון ייִדישן מיטלעלטער: ראַציאָנאַליזם, קבלה, אַסקעטיזם, משיחיזם און חסידות.

צו דער דאָזיקער גלאָררײַכער רשימה וויל איך איצט צוגעבן די מיזרח-איראָפּעישע השׂכּלה אויך, וואָס האָט זיך באַניצט מיט דרש און מוסר לאַוו-דווקא אין דער אָנגענומענער פֿאָרעם פֿון נאָכאַנאַנדיקע דרשות און מוסר-רייד (כאָטש אַזוינס קען מען אויך געפֿינען, בײַ א.מ. דיקן, למשל), נאָר אין דער פֿאָרעם פֿון הקדמות, שער-בלעטער, מוסר-השׂכּלען און נאַראַטיווע מאַסקעס. דאָ רעדט זיך וועגן דער תּקופֿה 1790-1860, אַ קיימא-לן פֿון 70 יאָר, ווען חסידות האָט אײַנגענומען גרויסע שטחים פֿון מיזרח-איראָפּע, ווען עס האָט געוועלטיקט די צאַרישע צענזור, ווען מ'האָט פֿאַרמאַכט די קליינע דרוקערײַען, ווען גרויסע טיילן פֿון דער נײַער ליטעראַטור זענען געבליבן אין כּתבֿ-יד. דעמאָלט האָט מען נאָר דורך קאַמאָפֿלאַזש געקענט בײַקומען די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע צענזור, און טאַקע דערפֿאַר איז ניטאָ קיין איין ייִדיש ווערק פֿאַר יענער צײַט וואָס זאָל אַרויסגיין אָן אַ מגידישער הקדמה, אַ מוסרדיקן שער-בלאַט אָדער אַ פֿרומען מוסר-השׂכּל. דאָס איז חל אויפֿן באָבא-בוך פֿון אליהו בחור, אויף ראָבינזאָן קרוזאָ, די אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע, אויף פּסעוודאָ-ביבלישע דראַמעס און אַנטי-חסידישע קאָמעדיעס, צי אויף די ממש הונדערטער מעשׂה-ביכלעך פֿון דיקן און זײַנס גלײַכן.

מאַרקוזע איז דער פֿאָרגייער און טאָנגעבער מיט זײַן המצאה פֿון אַ מגידישער מאַסקע. און די מאַסקע האָט ער באַדאַרפֿט ניט ווײַל ער איז

געווען אַזאַ בונטאַר -- דער שטרײַט קעגן בעלי-שמות און די פֿינצטערע
אײַנגלייבענישן בײַם פֿאָלק איז אַלץ געבליבן אין טראַדיציאָנעלן געדעם
פֿון דערלאָזלעכע שטראָפֿרייד, והא-ראַיה, די הסכּמות וואָס מאַרקוזע האָט
באַקומען פֿון באַרימטע רבנים -- נאָר דערפֿאַר ווײַל נאָר דורך מגידות,
דורכן אָנגענומענעם אינטימען סטיל פֿול מיט דיגרעסיעס, מעשׂיות און
משלים, האָט ער געקענט פּועלן בײַם פֿרומען עולם צו באַזײַטיקן די
פֿאַלשע דאָקטוירימלעך און אַלטע באַבעס, און נאָר דורך מגידות האָבן
די טרוקענע דיבורים פֿון עפּעס אַ שווייצאַרישן ד"ר טיסאָ געקענט האָבן
א האַפֿט אין מיזרח-אייראָפּע.

פֿאַקטיש האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט זייער אַ בריטן פֿענאָמען פֿון
קאָנסערוואַטיווער שאַפֿערישקייט וואָס די מגידישע מאַסקע איז בלויז איין
קאָנקרעטע דוגמא דערפֿון. די גאנצע ייִדישע השׂכּלה-ליטעראַטור, לויט מײַן
מיינונג, איז געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון פֿונקציאָנעלן המשך לשם
קולטורעלער פֿאַרשטויסונג ( functional continuity for the sake of
cultural displacement בלע"ז). פּונקט ווי מאַרקוס פֿון דער משׂכּילישער קאָמעדיע
פּרווט איבערנעמען בײַ מרדכי-מאָנדרישן פֿון דער פּורים-שפּיל; פּונקט
ווי דאָס משׂכּילישע מעשׂה-ביכל וויל איבערנעמען בײַם טראַדיציאָנעלן; ווי
דער ראָמאַן וויל אָפּשטויסן דעם ראָמאַנס, די ים-אַוואַנטורע אַ-לאַ ראָבינזאָן
קרוזאָ וויל פֿאַרשטויסן די עלטערע רײַזע-באַשרײַבונגען, אַזוי קומען
אויף די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון סאַטירע צו פֿאַרשטויסן די עלטערע
מוסר-ליטעראַטור. אָבער אין אַלע פֿאַלן קומט דער בײַט פֿאָר פֿ ו ן
א י נ ע ו י נ י ק , פּלומרשט אין דער זעלבער פֿאָרעם אָדער אינעם
זעלבן סטיל וואָס פֿריער. מוסר בלײַבט מוסר, אָבער איצט -- פֿאַרשלייערט
דורך א מגידישער מאַסקע.

נאָר אין אַזאַ קאָנטעקסט לאָזט זיך דערקלערן די גרעסטע קינסט-
לערישע דערגרייכונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן י"ה --
די הקדמות מענדעלע מוכר-ספֿרים, ווי אַבראַמאָוויטש רײַסט אויף די גאַנצע

פֿאַרעלטערטע ווערטן-סיסטעם אין איינעם מיט דער אויבנאויפֿיקער השׂכּלה דורך געניאַלע פּאַראָדיעס פֿונעם מגידישן סטיל. שוין אין צווייטן וויזיאָן ווערק זיינעם, דאָס ווינטשפֿינגערל פֿון 1865, הערט זיך צום ערשטן מאָל די מוסר-פּאַראָדיע, פֿאקטיש נאָכגעמאַכט דעם שבֿט מוסר:

אָמר מענדעלע מוכר-ספֿרים, זאָגט מענדעלע דער מוכר-ספֿרים: געלויבט זײַ דער בורא, וואָס האָט אין זעקס טעג באַשאַפֿן הימל און ערד מיט אַלע באַשעפֿעניש: מלאָכים, חיות און עופֿות, ציגן, שאָף קאַטשקעס און דעם מענטשן, וואָס ער האָט אים געלײַטזעליקט מיט אַ שׂכל, צו פֿאַרשטיין צו רעדן און צו שרײַבן. איך בין אויסן אײַך דאָ צו באַשרײַבן דעם וונדער, וואָס השי״ת האָט מיר געטון פֿאַר אַ יאָרן זומער (תרכ״ה). הערט אויס ליבע ייִדן, עס וועט אײַך בּלעבן הנאה טאָן.

עס איז גאָרניט קיין צופֿאַל וואָס די דאָזיקע „מעשׂה איבער אַ מעשׂה" פֿיגורירט אינעם ווינטשפֿינגערל, אַרויסגעגעבן טאַקע אין דער פֿאָרעם פֿון אַ מעשׂה-ביכל, און ניט אין דאָס קליינע מענטשעלע וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין קול מבֿשׂר. דער מ ע ד י ו ם באַשטימט דעם מ ו ס ר - ה שׂ כּ ל, פּונקט ווי Mc Luhan האָט געלערנט. אין אַ צײַטונג וואָס אין און פֿאַר זיך איז זי אַ נײַער מעדיום אין מיזרח-אייראָפּע, האָט ניט קען זינען זיך צו פֿאַרשטעלן ווי אַ מגיד. אין א מעשׂה-ביכל וואָס זײַן ציל איז צו פֿאַרשטויסן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל די פֿאַלשע פֿיקציע פֿון מעשׂה-ביכלעך ווי אויך די באָמבאַסטישע טריף-פּסולען פּדי צוצוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן רעאַליסטישן ראָמאַן און פֿאַר נאַטור-וויסנשאַפֿט -- אין אַזאַ מעדיום איז די מגידישע מאַסקע ווי אָנגעמאָסטן. <*>

דער יוצא-מדבֿרנו איז דער פּוח פֿון קאָנסערוואטיווער שאַפֿערישקייט, אָדער פֿון „ווערטיקאלער לעגיטימירונג," ווי ווײַנרײַך רופֿט עס אָן; אַז דורך דעם וואָס די ייִדישע השׂכּלה-ליטעראַטור האָט זיך בּפֿיוונדיק געשטיצט אויף די פֿאַראַנענע ליטעראַרישע מוסטערן פּדי זיי צו פֿאַרשטויסן

פֿון אינעװײניק, האָט זי, די השׂכּלה, געקענט צום גרינגסטן אַרײַנ-דרינגען אין פֿאָלק. אַזוי בינדט זיך די השׂכּלה ניט נאָר מיט די פֿריִערדיקע גײַסטיקע רעפֿאָרם-באַװעגונגען בײַ ייִדן, װי חסידות, נאָר מיט די שפּעטערדיקע פּאָליטישע רעפֿאָרם-באַװעגונגען אויך. ס'איז גענוג צו דערמאָנען איינעם װאָס האָט זיך גערופֿן „דער פּראָלעטאַרישער מגיד” כּדי באַשײַמפּערלעך צו זען די אינעװײניקסטע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער קולטור-געשיכטע. דער איינער איז געװען איב קאַהאַן.

דער אמתער כּוח פֿון װערטיקאַלער לעגיטימירונג, פֿון פֿאַררופֿן זיך אויף עלטערע מקורים כּדי צו באַרעכטיקן דאָס נײַע, איז װאָס װילנדיק, ניט-װילנדיק װערט דאָס אַלטע אויך באַנײַט. װי שלום לוריא האָט שוין באַמערקט ([3], 208–214), אַנטפּלעקן די הקדמות ממו"ס די קינסטלערישע מעגלעכקייטן פֿונעם מגידישן סטיל, ניט געקוקט אויף אַבראַמאָװיטשעס פּאָראָדיסטישע צילן. און װען ניט מענדעלעס הקדמות, װאָלט די מגידישע מאַסקע קיין מאָל ניט אויפֿגעריכט געװאָרן פֿונעם קלוגן, באַרעדעװדיקן, פּסוקימדיקן, מעשׂיות-דערציילנדיקן ייִדן װאָס ער הייסט טבֿיה.

אָפּטײל פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן
ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, נ"י

פֿון אינעװײניק, האָט זי, די השׂכּלה, געקענט צום גרינגסטן אַרײַנ-
דרינגען אין פֿאָלק. אַזױ בינדט זיך די השׂכּלה ניט נאָר מיט די
פֿרײַערדיקע גײַסטיקע רעפֿאָרם-באַװעגונגען בײַ ייִדן, װי חסידות, נאָר
מיט די שפּעטערדיקע פּאָליטישע רעפֿאָרם-באַװעגונגען אױך. ס'איז
גענוג צו דערמאָנען אײנעם װאָס האָט זיך גערופֿן „דער פּראָלעטאַרישער
מגיד" כּדי באַשײַמפּערלעך צו זען די אינעװײניקסטע טראַדיציעס פֿון
דער ייִדישער קולטור-געשיכטע. דער אײנער איז געװען אײב קאַהאַן.

דער אמתער כּוח פֿון װערטיקאַלער לעגטימירונג, פֿון פֿאַררופֿן
זיך אױף עלטערע מקורים כּדי צו באַרעכטיקן דאָס נײַע, איז װאָס
װילנדיק, ניט-װילנדיק װערט דאָס אַלטע אױך באַנײַט. װי שלום לוריא
האָט שױן באַמערקט, ([4], 208 – 214), אַנטפּלעקן די הקדמות ממו"ס די קינסטלערישע
מעגלעכקײטן פֿונעם מגידישן סטיל, ניט געקוקט אױף אַבראַמאָװיטשעס
פּאָראָדיסטישע צילן. און װען ניט מענדעלעס הקדמות, װאָלט די מגידישע
מאַסקע קײן מאָל ניט אױפֿגעריכט געװאָרן פֿונעם קלוגן, באַרעדעװדיקן,
פּסוקימדיקן, מעשׂיות-דערצײלנדיקן ייִדן װאָס ער הײסט טבֿיה.

אָפּטײל פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן
ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, נ"י

# ביבליאָגראַפֿיע

רעפֿעראַט געלייענט ביַי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָקספֿאָרד, דעם 11טן יולי 1983. די אַרבעט ווערט געדרוקט אַ דאַנק אַ סובווענץ פֿונעם אַבעל-פֿאַרשפּאָנד ביַים ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.


1. [אַבראַמאָוויטש, ש.י.]. דאָס ווינטשפֿינגערל. [װאַרשע]: לעבענזאָהן, [1865?].

2. דן, יוסף. ספרות המוסר והדרוש. ירושלים: כתר, 1975.

3. וויַנרײַך, מאַקס. געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך: באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן. 4 בענד. ניו-יאָרק: ייִוואָ, 1973.

4. לוריא, שלום. הלשון הפיגוראטיבית ביצירתו הדו-לשונית של מנדלי מוכר ספרים. ד"ר-דיסערטאַציע, ירושלימער אוניווערסיטעט, 1977.

5. מארקוזע, משה בן מרדכי. ספר רפֿואות הנקרא עזר ישראל במדינת פולין. פאָריצק, תק"ן - 1790.

6. נוסינאָוו, י. "וועגן מענדעלעס ,,ווינטשפֿינגערל'", אין ממו"ס, געזאַמלטע ווערק, ב' V, ערשטער טייל. מאָסקווע: דער עמעס, 1937, זז' VIII - XVII.

7. פּיקאַז', מ. בימי צמיחת החסידות: מגמות רעיוניות בספרי דרוש ומוסר. ירושלים: מוסד ביאליק, 1978.

8. פּרילוצקי, נח. "אַ ייִדישיסט פֿון 18 יאָרהונדערט," נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פֿאַר פֿאָלקלאָר פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, ב' II (וואַרשע, 1917), זז' 1-56. (דרוקט איבער אַ גרויסן טייל פֿון דער הקדמה.)

9. שמערוק, חנא. "משה מארקוזע פֿון סלאָנים און דער מקור פֿון זײַן בוך ,עזר ישראל'", ספר דב סדן: קובץ מחקרים. ירושלים, תשל"ז, זז' 361-382.

9א. ________. "נוסח בלתי ידוע של הקומודיה האנונימית ,די געגנאַרטע וועלט'", קרית ספר, ב' נ"ד (1979): 802-816.

9ב. ________. ספרות יידיש: פרקים לתולדותיה. תל-אביב: המכון לפואטיקה ולסמיוטיקה על-שם פורטר, 1978.

10. McLuhan, Marshall. The Medium is the Message.

11. Miron, Dan. A Traveler Disguised: A Study in the Rise of Modern Yiddish Fiction in the Nineteenth Century. New York: Schocken, 1973.

12. Roskies, David G. Ayzik-Meyer Dik and the Rise of Yiddish Popular Literature. Ann Arbor: University Microfilms, 1975.

12a. _______________. "The Medium and Message of the Maskilic Chapbook," Jewish Social Studies XLI (Summer-Fall 1979): 275-90.